# בחנוני נא בזאת, עס איז כדאי...

לכבוד המערכת "ביי מיר האט עס פאסירט".

שוין א שיינע פאר יאר וואס איך וויל דאנקן דעם אייבערשטען ברבים אויף מיין געשיכטע, אבער עס איז נישט געקומען לידי מעשה, נישט האבנ'דיג וואו עס צו מפרסם זיין, ביז יעצט ווען איך האב געזען די איבערגעפרישטע "ביי מיר האט עס פאסירט" קאלום, האב איך געקלערט אז דא איז די פאסיגע ארט צו מפרסם זיין די לעכטיגע יד ה' וואס איך האב זוכה געווען צו זעהן אפן במציאות.

מעשה שהי' כך הי':

דינענדיג אלס א מלמד תשב"ר אין איינע פון די ווייטערע אידישע ישובים (אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן), זייענדיג א פרישער אינגערמאן קוים עטליכע יאר נאך די חתונה, האב איך צוביסלעך זיך אפגעשפארט א דאלער אויף א דאלער מיטן פלאן זיך צו קויפן א הויז, און האבן אן אייגענע דאך איבער'ן קאפ.

פרוטה ופרוטה מצטרפות לחשבון גדול, איך האב שוין געהאט א היבשן סכום אין די האנט, אבער נאך ווייט נישט גענוג צו קענען קויפן א הויז, עס האט שוין אויסגעקוקט אז פון דעם זיסע חלום וועט גארנישט ווערן, וויבאלד צו קענען קויפן א לייטישע הויז -אין דעם שטאט וואו איך וואוין - האב איך געדארפט האבן לכל הפחות א פערטל מיליאן דאלער, צו אראפלייגן נאך בעפאר נעמען א מארטגעדזש, אזוי אז אפילו נאכן אוועק לייגן פופציג טויזענט דאלער (א ריזן סכום פאר א פשוט'ן מלמד) איז עס נאכאלס נישט געווען אפילו נאנט צו די סכום וואס איך האב געדארפט.

מה עשה הקב"ה, שנת תש"פ העעל"ט איז אנגעקומען, ווען די קאראנא שרעק האט אנגעזייעט א פאניק ביי די אלגעמיינע באפעלקערונג, און אלע רעגירונגען איבער די וועלט האבן אנגעפאנגען צו טיילן געלט לרחצה, אונזער רעגירוג האט טאקע נישט געגעבן קיין אנ-אימפלוימענ"ט אזוי ווי אין אמעריקע, אבער האט אין יענע קאראנא חדשים (די צווייטע האלב פון שנת תש"פ) געטיילט געלט אויף אנדערע אופנים.

האבנ'דיג די 'קאראנע געלטער', אינאיינעם מיט די אפגעשפארטע געלטער פון פריער (און אויך נאך א היבשע סכום געלט פון א אינטערסאנטע אינשורענס קלעים) האב איך שוין געהאט די סומע פון הונדערט טויזענט דאלער.

נישט וועלענדיג פארפאסן די געלעגענהייט, האב איך מחליט געווען צו אריינפלאטשקען אין דעם אונטערנעמונג און קויפן אן אייגענע הויז, איי פון וואו וועט מען האבן די איבריגע איבער הונדערט טויזענט דאלער?!, האב איך מיר מחזק געווען אז דער אייבערשטער וועט שוין העלפן.

נאכ'ן זוכן א פאסיגע הויז פאר עטליכע חדשים, האבן מיר ענדליך סוף שנת תשפ"א געסיינט קאנטראקט אויף א הויז, נאכ'ן אראפלייגן די די דעפאזיט פון הונדערט פינף און צוואנציג טויזענט דאלער (די סכום אפגעשפארטע געלט איז בשעת'ן זוכן א פאסיגע הויז, היבש ארויפגעגאנגען), האבן מיר זיך גענומען צו קראצן הלוואות פון משפחה און גוטע פריינט, צו האבן גענוג געלט צו קענען קלאוזן בשטומ"צ, די טאג צו קלאוזן איז געווארן באשטימט אויף דריי חדשים שפעטער, וואס איז אויסגעקומען ערב יום כיפור תשפ"ב.

ווי אויבן דערמאנט האבן מיר געדארפט האבן נאך איבער הונדערט טויזענט דאלער, נאכ'ן ארומלויפן און זיך בעטן פאר הלוואות פון מיינע געשוויסטער פוןביידע זייטן, און אנדערע קרובים וועמען איך האב ארויסגעקוקט אז זיי זאלן צולייגן א האנט, האבן מיר ענדליך אויף ראש השנה תשפ"ב געהאט דעם סכום וואס איך האב געדארפט האבן צו קענען קלאוזן אויפן הויז ערב יום כיפור, נישט איבערבלייבנדיג מיט קיין דאלער אין טאש, אדער און באנק, ניטאמאל אן אפגעריבענעם צענט, בפרט ווען מען שטייט יעצט אינעם חודש תשרי סעזאן, ווען יעדע אידישע שטוב האט גרויסע הוצאות, און עס קאסט אפ א מטבע צו קענען אהערשטעלן די ימים טובים כראוי.

יענעם שבת ערב א' סליחות (ערב די הייליגע טעג פון תשפ"ב) איז ביי אונז אין די לאקאלע ביהמ"ד וואו איך דאווען, פארגעקומען אן אפיעל לטובת די קהל'ישע צדקה קאסע וואס העלפט ארויס אידן אויף יום טוב.

דער עסקן פון די צדקה קאסע קומט צו צו מיר ביים אפיעל, און ער פארלאנגט איך זאל געבן די סכום פון אכצן הונדערט דאלער! צו מיין פארוואונדערונג, "וואס וויל ער פון א פשוטער מלמד תשב"ר?", איז דער טיכטיגער עסקן מיר מסביר "געב א קוק, דו האסט אסאך געלט, דו ערלויבסט דיר אפילו אן אייגענע הויז, אבער פון די אנדערע זייט זענען דא אידן מיט קינדער געבענטשטע משפחות, וואס האבן נישט קיין געלט אויף יום טוב".

איך טראכט צו מיר, אפשר זאל איך איהם פארציילן מיין געענגטע מצב, און אים גאר בעטן ער זאל מיר געבן אפאר דאלער פון די קאסע איך זאל האבן פאר מיינע תשרי הוצאות, סיי ווי קען איך גארנישט געבן, שאין בידי לפורטה אפילו שוה פרוטה, איך האב באמת נישט קיין פרוטה אויף יו"ט.

אבער איך האב מחליט געווען "יעבור עלי מה, איך בין פון די געבער'ס און נישט פון די נעמער'ס". און איך געב איהם א זאג "נישט קיין פראבלעם, אכצן הונדערט ווילסטו? ערלעדיגט וועסט עס באקומען אי"ה".

נאך שבת טראכט איך צו מיר "ביסט אינגאנצן משוגע געווארן?! פון וואו וועסטו נעמען אכצן הונדערט דאלער יעצט פאר צדקה?! און פון וואו וועסטו נעמען פאר הוצאות יום טוב? ווי אזוי פלאנסטו צו קויפן ד' מינים? ווי אזוי וועסטו באצאלן אין גראסערי די סעודות יום טוב? אפילו געלט פאר א נייע מעסער ערב ראש השנה האסטו נישט צו באצאלן, און דא ש'נדר'ט מען 1800$ ווי דער שטאטס עושר?!"...

פליצולונג האט מיר אויפגעבליצט א געדאנק אין קאפ, עס איז דא א גמ"ח דא ביי אונז אין שטאט וואס בארגט ביז דריי טויזענט דאלער, פאר ווער עס גייט אריבער פינאנציעלע שוועריקייטן. וועל איך בארגן דריי טויזנט דאלער פון די גמ"ח, אכצן הונדערט וועט גיין

היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פּרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.

**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**

פאר דעם עסקן פון די צדקה קאסע, און פון די איבריגע געלט וועל איך האבן עפעס פאר מיינע אייגענע הוצאות יום טוב.

זונטאג פארטאג'ס א' סליחות, קומט דער עסקן צו צו מיר, און פארלאנגט די אכצן הונדערט דאלער, איך זאג איהם "גיב א קוק, יעצט האב איך נישט אויף מיר גארנישט, איך האף צו האבן די געלט ווי שנעלער האפענטליך ביז א טאג צוויי, אויף דינסטאג וועל איך די געבן די געלט בס"ד".

איך רוף שנעל אן דעם מנהל פון גמ"ח ער זאל מיר בארגן דריי טויזנט דאלער.

דער גמ"ח מנהל זאגט אבער "עס גייט נישט ממש אזוי שנעל, קודם דארפסטו אויספילן א פארום, און נאכדעם דארפסטו טרעפן צוויי ערבים, עס איז נישט אזוי פשוט", אבער ער וועט מיר שיקן א פארום אויסצופולן ווי שנעלער.

יעצט הערט די מעשה ווייטער ווי אזוי דער רבש"ע פירט זיין וועלט אנדעם וואס ער זאל דארפן צוקומען צו אונזערע עצות.

פונקט יענעם טאג א' סליחות פארציילט מיר א ידיד, אז עס איז לעצטנ'ס געווארן אפען א ספעציעלע רעגירונג'ס פראגראם, פאר די אלע וואס האבן פארלוירן שעות פון זייער ארבעט צוליב די קאראנא לאקדאון'ס, וואו די רעגירונג גיבט א וואכענטליכע געהאלט פון זיבן הונדערט און פופציג דאלער.

זאגט מיר דער ידיד "אויב דו קענסט אויפשרייבן דיר מיט דיין אשת חיל אויף דעם פראגראם, באקומסטו פופצן הונדערט דאלער א וואך, פאר ביידע צוזאמען".

איך האב איהם מסביר געווען, אז די פראגראם איז נישט גילטיג פאר מיר וויבאלד אלס מלמד (און מיין אשת חיל אלס א טיטשער) האבן מיר גארנישט פארלוירן פון די ארבעט, אונזער געהאלט איז ווייטער געקומען טראץ וואס די מוסד איז געווען אפען וויניגער שעות צוליב די קאראנא לאקדאון'ס.

זאגט מיר מיין ידיד "דער פראגראם פרעגט נישט אויב דו האסט א קלענערע געהאלט, זיי פרעגן בלויז אויב מען האט געשניטן שעות פון דיין ארבעט, וואס דו ביסט מודה אז עס איז ריכטיג, איז גיי שרייב דיר איין".

ווי פארשטענדליך האב איך תיכף איינגעשריבן מיר מיט מיין אשת חיל אינעם פראגראם, און א טאג דערויף מאנטאג, די צווייטע טאג סליחות זענען מיר שוין ביידע געווען באשטעטיגט, דינסטאג איז שוין געווען אין מיין באנק אקאונט דריי טויזענט דאלער פון די רעגירונג, פאר די לעצטע צוויי וואכן וואס די פראגראם גייט שוין אן.

אויף דינסטאג האב איך טאקע געגעבן פארן עסקן פון די קהל'ישע צדקה קאסע אכצן הונדערט דאלער, און נאך געהאט גענונג געלט אויף מיינע פריוואטע הוצאות יום טוב!

און איך האב געקענט קענסלען די הלואה פון גמ"ח, דער אייבערשטער האט מיר געשיקט די 3 טויזנט דאללער פון זיין גמ"ח.

אבער די מעשה איז נאכנישט פארטיג: פאר עטליכע וואכן איז אזוי געלאפן די פראגראם, יעדע וואך איז אריין געקומען פרישע פופצן הונדערט דאלער אין באנק, מיט וואס איך האב געקענט אנהייבן צו באצאלן מיינע חובות, אויפן הויז.

אימיטן חודש כסליו, איז די פראגראם געקומען צו אן ענדע, ווען די רעגירונג האט זיך ווייזט אויס געכאפט אז די גאנצע פראגראם לייגט זיך נישט אויפן שכל. אבער, דאן האב איך געמאכט א חשבון וויפיל וואכן די פראראם איז אזוי געלאפן, הערט און שטוינט פונקט צוועלף וואכן איז די פראגראם אנגעגאנגען, יעצט רעכנט אויס 12 מאל פופצן הונדערט דאלער איז פונקט אכצן טויזענט דאלער! צען מאל מער ווי מיין נתינה פאר די קהל'ישע צדקה קאסע. דער אייבערשטער האט מיר באצאלט מיט עקסטערע אכצן טויזענט דאלער עשר פעמים ככה.

אבער די מעשה האט זיך נאך מיט דעם נישט געענדיגט:

זייענדיג פאר'חובות'ט ביז איבער'ן קאפ, נישט וואוסענדיג פון וואו איך גיי באצאלן מיינע חובות, האט מיר זייער געקרענקט אז די שפע האט זיך אפגעשטעלט ביי אכצן טויזענט דאלער, איך האב נישט געהאט די שכל צו געבן מער געלט פאר דעם עסקן, אפילו די גאנצע דריי טויזענט דאלער, אזוי וואלט איך ווען געמאכט א ריוח פון דרייסיג טויזענט דאלער (עשר פעמים ככה).

האב איך יענעם יאר תשפ"ב, בעפארן יום טוב פסח, מחליט געווען אז איך וועל געבן פינף טויזענט דאלער פאר די קמחא דפסחא, מיטן פלאן אז דער אייבערשטער וועט מיר נאכאמאל באצאלן כאטש עשר פעמים ככה, און איך וועל זיך טרעפן מיט איבריגע פופציג טויזענט דאלער, וואו עס שטייט שוין אין נביא דער אייבערשטער זאגט "ובחנוני נא בזאת, ביי עניני צדקה זאל מען איהם אויספראבירן".

וכך הוה, דער עסקן האט אן אפילו בעטן באקומען פון מיר פינף טויזענט דאלער פאר קמחא דפסחא, און איך האב געווארט אויף די השפעות צו קומען.

וואס מיינט איהר איז געשעהן?

תיכף נאך פסח האב איך באקומען אן אפפער'ר צו טוהן א געוויסע ארבעט פאר בלויז איין שעה א טאג, פינף טעג א וואך, און די געהאלט איז אזוי הויך ווי זיבן הונדערט און פופציג דאלער א וואך (פאר בלויז פינף שעה ארבעט א וואך).

די עקסטערע זייטיגע ארבעט גייט נישט אויפן חשבון פון מיין מלומדות שעות, האב איך דאס ווי פארשטענדליך גלייך אנגענומען, און פון אט די זייטיגע ארבעט האב איך בס"ד אפגעצאלט אלע מיינע חובות, און נאך איבערגעבליבן מיט רעשט, אסאך מער ווי פופציג טויזענט דאלער...

היינט האב איך שוין שכל צו זיכער מאכן צו געבן אסאך צדקה, אז די שפע זאל נישט אויפהערן צו גיסן פאר א מינוט. און ב"ה איך האלט נאך אן דעם זייטיגע ארבעט ביזן היינטיגן טאג, עטליכע יאר שפעטער מיט גרויס הצלחה. וכן יעזור השם הלאה.

ביטע פארשפרייטן מיין מעשה מיט די האפענונג אז דאס וועט ברענגען חיזוק פאר אידישע קינדער, אז מ'זאל לעבן מיט אמונה ובטחון, און געדענקן אז פון צדקה וחסד דערלייגט מען נישט גארנישט.

ידידיכם מעבר לים

***י.ש.***